בית המדרש בית ישעי' ד'אודווארי
ע"ש הרה"ק רבן של ישראל, מופת הדור, טוב ומטיב לישראל, רב ומושיע
רבי ישעי'לע קערעסטירער זיע"א
נתייסדה ע"י כ"ק מרן הגה"ק בעל דברי שלום זי"ע – בנשיאות בנו כ"ק הגה"צ אבד"ד שליט"א
227 Rutledge Street – Brooklyn, New York 11211

ב"ה

# דברים חוצבים להבות אש [א]

## שנשמעו מפי כ"ק מרן הגה"צ רבי שמואל דוד קרויז שליט"א גאב"ד דקהילתנו הקדושה אודווארי יצ"ו

### בסעודת רעוא דרעוין שב"ק משפטים שקלים דהאי שעתא תש"פ לפ"ק במעמד שומעי לקחו יותר ממאה אנשים חסידים ואנשי מעשה הע"י

[לאחר הדרוש מענין הפרשה פתח ואמר בזה"ל]

אין אמת'ן האב איך נישט געוואלט רעדן פון דעם ענין, נאר אזוי ווי פאריגע וואך נאכדעם וואס איך האב געשריבן א בריוו פאר מיין קרוב דאראגער רב, וואס איז זיך מוסר נפש מציל צו זיין אידישע קינדער פון צוברעכן אונזער הייליגע מסורת און ח"ו נישט לאזן נכשל ווערן מיט מפוקפק'דיגע עופות רח"ל, צוליב די מענטשן וואס מאכן אוועק די הייליגע מסורה וואס מיר האבן מקבל געווען מאבותינו ורבותינו הקדושים מצוקי דור ודור בענין כשרות וטהרת העופות, וואס אבותינו ורבותינו הק' האבן געגעסן דאהי די עופות איבער א יובל יארן און זיי האבן דאס אויך גענוצט ברבים ביי סעודות קדושות און סעודת מצוה שבתים וימים טובים וכדו', און די באצאלטע און אומבאצאלטע מענטשן זענען געקומען פארדרייען די יוצרות און פאקטן כדי מהפך צו זיין הקערה על פיה רח"ל [ב].

---

[א] כל הדברים האלו ביחד עם ההערות שמתחת לקו עברו תחת שבט הביקורת של כ"ק מרן הגאב"ד שליט"א כדי להוציא דבר שלם ומתוקן, והסכים על כל הנכתב כאן שכולם הם כנים ואמיתיים ואין בו שום טעות או חסרון הבנה והשי"ת יעזור שלא תצא מכשול מתחת ידינו.

[ב] כדי שהקורא יבין כל הענין על בוריו אנו מביאים כל ההשתלשלות הדברים כסדרן, כפי מה שסיפרו לנו אחד מנאמני בית כ"ק מרן הגאב"ד שליט"א: - ונספר לפניכם השתלשלות הדברים שעבר על רבינו שליט"א מקודם שכתב המכתב הראשון, שלא הי' במהירות ובבהלה, רק במתינות, אחרי ששמע כמה חדשים כל הצדדים, וקיים הפסוק שמוע בין אחיכם, ודיבר באריכות

עם המתחדשים הרוצים להביא להציבור המדקדקים עוף חדש ומערערים על העוף הישן שנאכל על ידי אבותינו ורבותינו נ״ע זה יותר משבעים שנים, ושמע דבריהם הדק היטב כל הצדדים, ורק אחרי שעיין וראה בדבריהם שאין בהם ממש, בענין הערעור על העוף הישן הברוילע״ר הנאכל על ידי כל בית ישראל זה יותר משבעים שנים במסורת, וגם שהעוף החדש שקוראים לעגהארן של המפעל דיקאלב שרוצים להביא למאכל לאחינו בנ״י המדקדקים בכשרות הוא משונה מאוד, הוציא לאור מכתבו, וכתב באר היטב מה שקיבל בענין מסורת מכ״ק מו״ר אביו זצ״ל, ושהעוף החדש הלעגהארן של דיקאלב הוא משונה בכמה שינויים וצריך עליה מסורה חדשה, וגופא דעובדא הכי הוי.

והנה באמצע הקיץ שנת תשע״ט, שמע שרצו איזה אנשים להביא עוף חדש למחנה בני ישראל, חשב אז דהיות שיש לו בקיאות במסורת העופות שקיבל מאת אביו אדמו״ר זצ״ל ומאמו ז״ל, שילך ויראה לראות העוף, אם מוכר הוא אצלו מהעופות שיש לנו מסורת עליהם.

והלך לבית המקולין, לראות העוף החדש, ותיכף כשפגש העוף, ראה שהוא עוף משונה שאין לנו מסורה עליה. אלא שלא החלט תיכף למעשה, שהוא עוף משונה, רק עיין היטב בהעוף מכל הצדדים, ועוד בא להמקולין לראות העוף כמה פעמים, ובכל פעם שבא לראותו פעמים ושלוש פעמים, נתחזק אצלו יותר ויותר, שהוא עוף משונה שאין לנו מסורה עליה, ואין לאכלו בלי מסורה.

ואז גילה דעתו להמקשיבים לקולו, שהעוף החדש לעגהארן של המפעל דיקאלב הוא עוף משונה ואין לנו מסורה עליה, ואין לאכלו בלי מסורת.

## שמוע בין אחיכם

ובתחלת זמן החורף שנת תש״פ כשיצא השמיעה שהרב נטה להחמיר בענין העוף החדש, באו אליו הכת החדשה, לטעון כנגדו שהעוף החדש הוא עוף המהודר ביותר וכו׳, והשיב להם שאני מוכן לשמוע כל דבריהם, **ולקיים שמוע בין אחיכם**, ולעיין בכל דברים הדק היטב, אולי יש ממש בדבריהם. וכן עשה שהרשה להם לבוא אליו . והביאו אליו תמונות מהעוף החדש, ואמר להם בזה״ל אני רואה על העוף החדש הזה שהוא משונה, והם הביאו אליו רק תמונות, להסביר לו עפ״י התמונות שהוא עוף מהודר, אבל הוא לא נסתפק בזה, והלך בעצמו עוד הפעם כמה פעמים לראות במו עיניו הלעגהארן החדש, ועוד יותר עשה שלא סמך על עיון העוף בבית המקולין כשעמד בחוץ בלי יישוב הדעת היטב כל כך, אלא שנכנס בפנים לתוך הבית המקולין ועיין במתינות מאוד כל העוף מכל הצדדים, וגם פתחתילראות העוף מבפנים הדק היטב האברים הפנימיים, ואחרי העיון כמה פעמים בהעוף החדש, נוכח לדעת, שאי אפשר לו להתירו בשום פנים ואופן, כי הוא משונה מכף רגל ועד ראש, מבחוץ ומבפנים, כמו שכתב כמה שינויים במכתבו הראשון, א) שהכרבולת משונה, ב) שמחוסר שמאל״ץ שומן, ג) שהכבד משונה, ד) שמעופף משונה, ה) ושכל העוף נראה משונה. ואחרי העיון בהעוף כמה פעמים מבפנים ומבחוץ כנ״ל הוחלט כי עוף משונה, ואמר להם כי אני על משמרתי אעמודה, כי יש בה הרבה שינויים, ואין לנו מסורה עליה, ובלי מסורת אין לאכלו.

וכאן רציתי לספר לפניכם איזה ענינים שהי׳ כואב לו להרב מאוד מאוד, כשבאו אליו האנשים לדון על העוף החדש שהוא עוף מהודר.

וכדי שלא יהא עוד ידם נטויה ווען מיר טייטשן דעם פסוק, ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם, וואס איז דער לפניהם זאגט רש"י הק' צוויי פשטים, איינם כשלחן הערוך וכו', די צווייטע אז מ'טאר נישט גיין ח"ו לערכאות של עכו"ם.

שפעטער שטייט אין די סדרה ואנשי קודש תהיון לי ובשר בשדה טריפה לא תאכלו פארוואס שטייט פונקט ביי די ענין פון טריפות "אנשי קודש", און נאך א קשיא פארוואס שטייט אנשי קודש פארוואס שטייט נישט סתם קדושים תהיו וואס איז דאס "אנשי".

---

א) **שוחד:** מה נאמר ומה נדבר, שכואב לו מאוד, שיתפרסמו הדברים ולא יאומן כי יסופר, שאלו האנשים המכנים עצמם בשם מהדרין, הציעו לו, שאם יכתוב להם מכתב שהעוף שלהם הוא מהודר, יתנו לו, רבבות דולארי"ם, בחליפין. וזה הדבר היה כואב לו מאוד מאוד, מרא דאברהם, הרי מדובר כאן מחשש מאכלות אסורות, שרוצים להאכיל עוף שיש עליה חשש עוף טמא מחמת שאין לנו מסורות עליה, ואם יש רב אחד שעומד וצועק שהעוף הוא מלא שינויים מהמקובל במסורת, באים אליו ומדברים על לבו ליתן לו רבבות דולארי"ם שיכתוב בחליפין מכתב להכשיר העוף שהוא בעצמו עומד וצווח שאין לנו עליה מסורה, הישמע כזאת בישראל. וחשב לעצמו אז, מי יודע מה שיכול עוד לצאת מכת אנשים האלו רח"ל שעושים מעשים כאלו ואיזה חורבן יכולים להביא להכלל ישראל, ובעיקר הדבר היה כואב לו שלאלו אנשים רוצים ליתן הנאמנות להביא עוף חדש בישראל, הכי יכולים לקרוא עליהם אנשים נאמנים, אתמהה.

ב) **תרנגול משששת ימי בראשית:** עוד אומר , שרגיל על לשונם של אלו האנשים, שהמציאו עוף המהודר ביותר, שהוא העוף התרנגול, מששת ימי בראשית, בלי שום שינוי. מרא דאברהם, כל המסורה של אבותינו ורבותינו שאכלו העוף כמו שפירש"י דמסורה הוא כשראה אדם כשר שאכלו, כל זה בטל ומבוטל לפי דבריהם המסולפים, ורצונם רק להדר אחרי העוף שהי' מששת ימי בראשית, ולבטל כל המסורה מישראל רח"ל. וענה רבינו הרב ואמר בדרך צחוק מכאוב, דאם הי' עוף הלעגהארן החדש הזה היה בששת ימי בראשית, בודאי הביא נח להתיבה מזה העוף רק שנים שנים כמובן וילמד סתום מן המפורש.

ג) **אנשים צעירים שלא שמשו כל צרכם:** עוד דבר מוזר, שכל העוסקים בענין זה שבאו אליו בכל השלשה חדשים, הי' אנשים צעירים בני כ"ה שנים או שלשים שנים הגם שהי' בני תורה, אבל אברכים שלא שמשו כל צרכם, כולם הי' פחות מבן ארבעים לבינה, הי' רגיל על לשונם דברים בלי טעם, ודיברו על כל גדולי ישראל, בלי בושה. וזה הדבר לעצמו מראה שכל השערוריא אינו נפתח מגדולי ישראל רק דמיונות שוא של איזה אברכים צעירים הצריכים להתייגע ביותר בהתוה"ק בלי להתערב בדברים הנוגעים למנהיגי ישראל. כמ"ש המחבר יורה דעה (סימן רמ"ב סעיף י"ג) וז"ל, תלמיד שלא הגיע להוראה ומורה הרי זה שוטה רשע וגס רוח, ועליו נאמר רבים חללים הפילה, וכתב הרמ"א שם וז"ל, ותלמידים הקטנים הקופצים להורות ולישב בראש להתגדל בפני ע"ה, מרבים מחלוקת ומחריבים העולם, ומכבין נרה של תורה יעו"ש.

ד) **הוצעת לעז:** והדבר שכאב לו ביותר מכל הדברים הנ"ל, הוא ההוצאות לעז על כל גדולי ישראל שבדורינו ושמדור הקדום, כי האברכים האלו, דיברו בשאט נפש על כל גדולי ישראל,

שכולם אכלו מאכלות אסורות, עופות טמאים רח״ל, כי לפי דעתם אמרו שהעוף הקארניש אין לנו מסורה עליה, ויש בה חשש עוף טמא, וזהו מה שאכלו כל גדולי ישראל זה יותר משבעים שנה, ולדעתי זה דבר הצריך לכאוב מאוד מאוד עד דכדוכי של נפש, איך שיכולים להגיע, כשמתחילים לעורר על איזה ענין בלי דעת ובלי יראת שמים, לאן הגיענו, הישמע כזאת, שיסתובבו אברכים באיצטלא דרבנן כאילו שבאו להעמיד הדת על תילה, ולדבר על כל גאונים וקדושים בארץ ובגולה, שנכשלים רח״ל במאכלות אסורות, ולא הי׳ כזאת בישראל מיום מתן תורה.

ה) **מחליפים פרה בחמור:** עוד אחת אדבר, שיכולים לחשוב ולהבין, כאילו שבאו אנשים לעורר על העוף הנאכל בתמימות וביראת שמים, ובמקום זה מביאים מהודר יותר מזה, אבל שניהם אינו אמת, הן שהאנשים המעוררים הם מדברים על כל גדולי ישראל שנכשלו רח״ל במאכלות אסורות בחשש עוף טמא, והן שהעוף שרצונם להביאו במקומו הוא בעצמו הוא מלא שאלות חמורות מחמת רוב השינויים שיש לה שצריכין עליה מסורה חדשה, ונמצא שמחליפין עוף המהודר ביותר שאין לנו מסורה מהדורת ומבוררת כל כך כמו העוף הברוילע״ר, עם עוף המפוקפק מאוד עם כמה שינויים המצריכים עליה מסורה חדשה, ובלי מסורות אסור לאכלן.

ועתה נחזור להשתלשלות הדברים, אחרי שאמר להם דעתו כי העופות האלו הם מלא שינויים מהעוף הלעגהארן היישן שהרגלנו בו, ואי אפשר לו בשום פנים לכתוב להם מכתב להתירו ח״ו, ואדרבה הוא מוכן לצאת לאור במכתב להודיע בשער בת רבים דעתיו דעת תורה בזה שהוא עוף עם כמה שינויים ואין לנו מסורה עליה ואין לאכלו בלי מסורה.

הוסיפו לבקש ממנו, שימתין להם והם יביאו עוד ראיות לדבריהם, וכן עשה והמתין כמה שבועות, וכן עשו כמה פעמים, כשרצה לצאת במכתבו, בקשו שימתין להן עד שיביאו עוד ראיות, והמתין עליהם במתינות, עד שהוחלט בדעתו כי כבר קיים שמוע בין אחיכם במילואו, ואע״פ שבאיסור והיתר לא שייך שמוע בין אחיכם רק בדיני ממונות בין אדם לחבירו .

אז כשראו שלדעתו בהחלט שאין לאכלו, הביאו אליו בטענה חדשה, דהיות שיש רבנים המתירים, על כן לא אצא לגלות דעתי ברבים, ובקשו מהרב שלא להתערב בכל הענין. וכאן אספר לכם עוד ממה שעבר עלי לא יאומן כי יספר, שבאו בבקשה שנית להציע שוחד, שאם עכ״פ לא אצא במכתבי כנגדם, יתנו הון רב לבית מדרשו והעיקר דהיות שיש רבנים מתירים שלא להתערב בהענין לגלות דעתי ברבים דאסור לאכלו.

אבל בחסדי השי״ת לא נתרגש מהם כלום, וענה ואמר להם, דהיות שאיני רואה בין הרבנים שיכולים להעיד כל כך איך שזקני הרבנים מדור הקדום עוסקי במסורת העופות כמו שקבלתי בענין זה מאבי זצ״ל, מוכרח אני לצאת בשער בת רבים להודיע לכל הרוצים לשמוע דבר ד׳, איך שזקני הרבנים מדור הקדום נ״ע מייסדי הישוב היה להם זהירות וידיעה ברורה ובקיאות במסורת העופות, ועיינו בהענין יחד עם מרן רבינו הקדוש מסאטמאר זי״ע ואחרי כן קבעו לשחטו להציבור לאכילה, ולהזהיר את הצבור החרידים לדבר ד׳ שלא להכשל במאכלות אסורות, שהעופות החדשים משונים וצריכים עליהם מסורה חדשה.

וכן היה לו הנאה שדבר גדול עשה לצאת בכתובים במכתבו הראשון, להעמיד מסורת בישראל, כי שבאו אליו עשרות רבנים מובהקים גאונים וצדיקים והודו לו מאוד, ולא הספיקו

נאר עם שטייט פאריגע וואך והר סיני עשן כולו מפני אשר ירד עליו ה' באש איז דאך שוועך די גמרא זאגט דאך אין יומא אז אש של מעלה האט נישט קיין רויעך.

נאר דער תירוץ איז אז "מפני" איז טייטש "בעפאר" אזוי ווי "לפני" דאס הייסט אז דער בארג האט גערייכערט "בעפאר" דער הייליגער באשעפער איז אראפגעקומען מיט פייער און נאכדעם האט דאס טאקע מער נישט גערייכערט.

אזוי דא אויך, בעפאר מ'לערנט די תוה"ק דארף מען וויסן די מענטשליכע משפטים די גמרא זאגט אם ראשונים כמלאכים אנו כבני אדם אם ראשונים כבני אדם אנו כחמורים אויב די פריערדיגע האלט מען אז זיי זענען געווען מלאכים דאן זענען מיר מענטשן, אויב ח"ו נישט, מ'וויל זיך איבערקלוגן אויף זיי איז מען גארנישט קיין מענטשן נאר חמורים, דאס מיינט ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם, בעפאר מ'וועט אנהייבן צו לערנען, אזוי א בחינה ווי דרך ארץ קדמה לתורה, אז אשר תשים לפניהם, מ'זאל לייגן פאר די אויגן וואס די "לפניהם" זאגן, וואס די פריערדיגע האבן געזאגט און מקבל זיין זייערע רייד ושותה בצמא את דבריהם.

און יעצט דעם צווייטן פסוק ואנשי קודש תהיון לי, זאגט דער הייליגער קאצקער רבי ז"ע ואנשי קודש מענטשליך הייליג זאלט עטס זיין, קודם זאל מען זיין א מענטש און וויסן ווי מ'דארף זיך אויפצופירן וויאזוי ווייסט מען אז מען איז א מענטש און וויאזוי איז מען א מענטש ? נאר אז מען ווייסט אז וואס די פריערדיגע וואס זענען געווען מלאכים האבן געטון דאס איז אמת ויציב . נאכדעם קען מען אנהייבן צו זיין הייליג.

און כדי צו פארשטיין דעם צווייטן חלק פסוק ובשר בשדה טריפה, איז לכאורה שוועך פארוואס פונקט אין פעלד, אינדערהיים מעג מען דען יא עסן טריפות? נאר כדי צו פארשטיין וויל איך דערציילן א מעשה, און הגם איך גלייך נישט צו דערציילן מעשיות ביי שלש סעודות רעוא דרעוין נאר יעצט איז שוין מוצשב"ק וועל איך דערציילן.

אין זומער תשכ"ב איז געווען א פארעם מיטן נאמען "מיוליק" אין פארקסוויל נאנט צו אונזער ישיבה בית ישעי', און דארט פלעגן מיר שטענדיג נעמען "חלב ישראל" מיט אונזער

---

להודות לו על הטוב שעשה עם הכלל ישראל במכתבו הראשון שהעלה עלי גליון המסורת שקיבל בענין העופות, וכמו שהתבטא אליו הגאון המובהק .....ו שליט"א דומ"ץ בקה"ק סאטמאר, "אודווארי רב, איהר האט מטהר געוועהן אמעריקא", וכן חיזקו אותיו והודו לו כמה רבנים מובהקים, על המסורת שמסרעלי גליון. וכולם אמרו שככל מה שכתב שהעמידו מסורה ברורה באמעריקא אחרי המלחמה על ידי הרבנים הגאונים נ"ע ביחד עם רביה"ק, עלה על לבם שכן הי' באמת, אלא שלא ידעו להביא עדות ברורה בזה, עד שהגיע המכתב שקיבל מכ"ק אביו זצ"ל..

אייגענע טעפ, ווייל דעמאלטס איז נאכנישט געווען קיין טראקס וואס האבן א פריזש צו קענען ברענגען מילך פון שטאט.

און דעמאלטס האט כידוע ר' מענדל ראזען ע"ה געמאכט דארט א תיקון גדול א מעיין מקוה, און כנהוג דארף מען כשר'ן א מעיין און מ'דארף האבן דערפאר די גדולי הרבנים, האט מיין טאטע זצ"ל גערופן די גדולי הרבנים, דעם ברך משה זצ"ל און דער קאשויער רב זצ"ל, צו זיין דארט ביים כשר'ן דעם מעיין, און נאכן כשר'ן דעם מעיין כדת וכדין און ווי די מנהג רבותינו זי"ע זענען די רבנים געגאנגען זעהן דעם הלוך ילך פונעם פארם און זיי האבן דארט געזען הינער זכרים און נקבות און זיי האבן ארומגערעדט פונקטליך וועלכע עופות האבן א מסורה און וועלכע עופות נישט, די ראוד איילענד האט א מסורה אויך די נוא העמפשיר האט א מסורה, און די ראק האט א מסורה, און די קארניש האט א מסורה [ג], די לעגהארן האט א מסורת אז דערפון פלעגט מען עסן די אייער [ד].

אזוי אויך נאך וואס מ'האט אנגעהויבן צו מישן דעם ראק מיטן קארניש וואס מ'רופט די ברוילער האט דאס אויך א מסורה ברורה אלע צדיקים האבן דאס געגעסן, רבינו הק' מסאטמאר און אלע צדיקים סקווערער רבי, סטראפקובער רב, סקולענער רבי, אויך שפעטער דער ריבניצער רבי וואס איז געווען א שוחט אינדערהיים אויסער די גרויסע באקאנטע גאונים וצדיקים צעהלימער רב פאפער רב שארמאשער רב וואוידיסלאבער רב און וואס איז שייך מסורה מער פון דעם.

---

**תשובות הגאון הגדול רבי משה יהודה ליב לאנדא זצ"ל במסורת הקארניש**

ולתועלת הענין, אעתיק דברי הגאון הרב לאנדא, בתשובה שכתב באימעיל להמסלפים האלו, ששלחו אליו ווידיאו עם איזה עוף שקראו אותם קארניש, ושאלו מאת הרב לאנדא אם יש לנו מסורה עליה, והשיב בחזקה דברים ברורים ומפורשים, שהעוף שרואין על הווידיא אינו הקארניש, אבל על הקארניש יש לנו מסורה ברורה, וז"ל:

> בענין ציורי הקורניש אשר נשלח עפ"י בקשת הרה"ג ר' משה לרנר שליט"א.
>
> שלו' וברכה. הבנתי מיד, שיד אלו שרוצים להוציא לעז על העופות הכשרים כדי להכניס עופות ללא מסורת טמון בסיפור הזה. ועתה כשהגיע האימייל שלכם נתברר שכך הדבר.
>
> העופות ששלחתם הם Farm Chicken שמעורב בם לפחות שלשה זנים אולי בתוכם גם קורניש. וצודקים אלו שאומרים שעופות אלו אין הם מסורת.
>
> הקורניש הכשר, מדובר על הקורניש התעשיתי קורניש לבן. הביאו אותו ארצה מארה"ב אשר בזמנו הועד עליו ברור שיש לו מסורת ואינו דומה כלל לעופות בווידיו

ס'זענען דא וואס זאגן אז זיי האבן געטראפן דעם תרנגול מששת ימי בראשית, און אויב מ'זאגט זיי אז ס'איז נישט די עופות פון אונזער מסורה, זאגן זיי מיט גרויס חוצפה אז פון דעם איז א ראי' אז נאר זייערע עופות האבן די מסורה און נישט די עופות פון אונזער מסורה, אויף דעם קען מען זאגן אז אויב ס'איז אמת אז זייערע עופות איז פון ששת ימי

---

ששלחתם. המומחים כאן מבחינים ברור שהעופות שיש לנו הם מאותם העופות שפיתחו כאן בארץ כל השנים, כולל הקורניש התעשיתי. וכפי שאנו שומעין הם גם העופות שמשתמשים בשחיטת סטמאר במונרו. והשי"ת יצילנו מן הרוצים להכשילנו בעופות טמאים.

והוסיף הגאון הרב לאנדא בתשובה נוספת, אחרי שהשואל רצה להפוך דבריו הראשונים, חזר הרב לאנדא להעמיד דבריו ביתר ביאור, וז"ל:

שלו' וברכה. **אני כתבתי שאלו אינם הקורניש האורגילני.** הקורניש האורגינלי שהוא הקורניש התעשיתי הוא העופות **שנשלחו לארץ מארה"ב** והי' להם מסורת ומהם פיתחו את העופות שמשתמשים כאן בארץ ומהם עדיין מגדלים החברות הגדולות בעוף הפטם בארה"ב "קוב" ו"רוס" **ונאכלים במסורת כשבעים שנה** והם גם נמכרים בארץ וגם בארה"ב, ומכירים את העופות וקונים מהם רק את אלו. והם מסומנים ע"י החברות "קוב 500" ו"רוס 308". כאן בארץ יש שתי חברות אשר מגדלים רק את העופות הנ"ל. **בעופות האלו מעורב הקורניש האורגינלי, ואילו הקורניש שמכרו לכם אינו תואם כלל את הקורני"ש שיש לחברות הנ"ל.** הקורני"ש שלהם הוא קורני"ש אורגינלי בלי תערובת מזנים אחרים והחברות הנ"ל עירבו אותם עם זנים בעלי מסורת אשר גם הם ידועים לנו. אנו מקבלים אך ורק את המספרים הנזכרים ולא שאנו סומכים על החברות אלא על טביעות העין בעופות שמגדלים מהם שאין בהם שום שינוי. ולא כמו התמונות ששלחתם לנו אשר השינויים בהם בולטים מאד וכל רגיל בעופות רואה שאינם מעופות המסורת.

וכל הרואה דברי הרב לאנדא הנאמרים באמת וצדק, יראה הסייעתא דשמיא, וזכות הרבים, שהי' ליה להאי גברא רבא הרב לאנדא זצ"ל, שתיכף ומיד תפס כוונת אלו השואלים, באיצטלא דרבנן, וענה להם בתקיפות, שהעוף ששלח לו על ידי ווידיאו אינו הקארניש, אבל על הקארניש שאנו אוכלים יש לנו מסורה ברורה עליה. וגם אני אודה ה' בכל לבב שהניחנו בדרך האמת, להגיד דברים ברורים שקבלתי מאאמו"ר זי"ע מסורת על העוף הקארניש.

כל זה ראיתי חובה לנפשי לספר לפניכם, ובבקשה שיעלו כל זה עלי גליון, למען ידעו דור אחרון, אל תחשוד את אבותיך, זה קרוב לשבעים שנים שאנו אוכלים ב"ה עופות במסורת, שבירר לנו אבותינו ורבותינו מייסדי היישוב פה באמעריקא תיכף אחרי המלחמה, בדם לבבם, ובראשם רביה"ק זי"ע.

[ד] הוסיף כ"ק הגאב"ד שליט"א: וזאת לדעת בבירור, שהלעגהארן שהיה שם ושהרגלתי בה כל השנים אינו דומה כלל להעוף שבעלי "תרנגול פארמס" אומרים שהוא הלעגהארן.

בראשית, טרעפן מיר ביי נח אז פון אלע עופות האט מען אריינגענומען שנים שנים, און נאר פון די טהור'ע האט מען גענומען שבעה שבעה, און די עופות זענען מסתמא פון די אנדערע.

און ס'איז ידוע די מעשה ביים הייליגן צאנזער רב זי"ע, וואס זיין זון הרה"ק ר' שלו' אליעזר זי"ע האט מכתיר געווען דעם טאטן ז"ל אין יאר תרצ"ו צו זיין רב אין אודווארי מיטן כח פון זיין טאטן דעם הייליגן רבן של כל ישראל רשכבה"ג צאנזער רב זי"ע בעל דברי חיים. איז געווען א מעשה ביים צאנזער רב איז געקומען א איד א חשוך בנים און צאנזער רב האט אים געגעבן קרויט האט ער נישט געוואלט עסן ער האט געזאגט אז ער עסט נישט דברים הצריכים בדיקה, האט אים צאנזער רב געזאגט, אז אויב אזוי האט ער נישט געטארט חתונה האבן ווייל מ'דארף אויך מאכן בדיקות, אין פשטות צריך לבדוק באחיה וכדו', האט דער הייליגער צאנזער רב אים געזאגט אז ער זאל עסן קרויט וועט ער געהאלפן ווערן מיט א בן זכר וכן הוה.

עכ"פ קומט אויס אז אויב איינער וויל זיך נישט פארלאזן אויף רבותינו הקדושים שרפי מעלה זי"ע און איז ח"ו מוציא לעז אויף זיי דער יעניגער איז גארנישט קיין מענטש ווי די גמרא זאגט אם ראשונים כמלאכים אנו כבני אדם, האט מען אים ממילא נישט געגעבן די תורה און די מצוות ווייל ער איז נישט קיין מענטש נאר א חמור און א חמור איז פטור מן המצוות.

און לויט דעם איז דאס פשט אין פסוק "ואנשי" מ'זאל זיין מענטשן און גלייבן אז אונזערע רבי'ס זענען געווען מלאכים, "קודש" נאר אזוי קען מען זיך פירן הייליג און זיין אפגעהיטן בקדושת המאכלים, אבער "ובשר בשדה" פלייש פון פעלד, עופות וואס זענען נתחדש געווארן פון פאשענען אין פרעמדע פעלדער צווישן גוי'אישע ביכער, "טריפה" איז טריפה, "לכלב תשליכון אותו" זאגט רש"י אף הוא ככלב, אז ווער עס גלייבט אין די גויישע פעלדער וכו.... רח"ל.

און דאס איז אויך די פשט פון די צוויי אופנים פון רש"י ז"ל , אז אזוי ווי די תוה"ק זאגט אז מ'זאל נאר גיין לויט "לפניהם" ווי מ'האט מקבל געווען פון די פריערדיגע, זאגט רש"י איינם כשלחן הערוך אז ווען מ'גייט אויף דעם וועג איז עס כשלחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם, און צווייטנס איז השמר והזהר נישט גיין לערכאות של עכו"ם נישט נעמען קיין טריפה'נע יסודות פון גוי'אישע ביכער ווייל דאס טוט נאר חרוב מאכן די תורה הקדושה.

עכ"פ איז א דבר ידוע אז נאר לויט וואס מיר האבן מקבל געווען דארפן מיר נאכגיין, און אפילו ביי זאכן וואס מ'האט מקבל געווען מקיל צו זיין טאר מען נישט מחמיר זיין, ווי ס'איז ידוע ביי איסור חדש וואס איז א דאורייתא לויט כמה פוסקים, האט דער רבי זי"ע געזאגט אז

מ'זאל נישט מחמיר זיין, ווייל די צדיקים תלמידי בעש"ט האבן נישט מחמיר געווען, כ"ש ביי מסורת העופות וואס משה רבינו האט אנגעכאפט יעדעם עוף און געזאגט את זה תאכלו, און דאס איבערגעגעבן פאר חכמי כל דור ודור, אז נאר לויט די קבלה זאל מען עסן און עפעס אנדערש נישט.

כל ימי גידלתי בין החכמים איך האב נאך גענומען די הוראה אויף שולחן ערוך מכל גדולי הדור הקודם בשנות תשכ"ז וויא אויך קבלה אויף ניקור מגדולי המנקרים פון קראקא און פעסט . מען איז אלץ געגאנגען מפי הקבלה שקיבלנו דור אחר דור . אזוי וויא ביי סמיכה דארף מען זיין סמוך דור אחר דור ביז משה רבינו ע"ה מפי הגבורה .

עס איז דא עפעס א קונטרס מיטן נאמען משיב כהלכה, וואס ער שרייבט רח"ל אז פונקט ווי די סנהדרין האבן אויך זיך געקענט טועה זיין און האבן נאכדעם געדארפט ברענגען א קרבן די זעלבע זאך האבן זיך ח"ו די צדיקים אויך געקענט טועה זיין רח"ל, אבער רבותי געוואלד! דארטן האבן די הייליגע סנהדרין איינגעזען אז זיי האבן געמאכט א טעות ווי ס'שטייט או הודע אליו חטאתו, ונודעה החטאת אשר חטאו אינם חייבין בקרבן עד שיוודע להם ויודו אבער דא ווער האט איינגעזען, קליינע מענטשן וואס האלטן זיך גרעסער פון די פריערדיגע? וואס זיי זענען זיכער ביי זיך אז זיי מאכן נישט קיין טעות? חס מלהזכיר, אבותינו ורבותינו הק' האבן זיכער נישט געמאכט קיין טעות, ח"ו, זיי האבן נישט מודה געווען ווייל זיי האבן נישט געהאט אויף וואס, א טעות מאכן נאר די פארפירערס.

דער אייבערשטער האט געמאכט א נס אז זייער עוף וואס האט נישט קיין מסורה, און וואס איז לכאורה נישט דער זכר פונעם לעגהארן, נאר עטליכע מתחדשים האבן געוואלט חרוב מאכן די ביסל מסורה וואס מיר האבן נאך בדור השפל, זענען זיי געגאנגען פאפן אז דאס איז דער זכר פונעם לעגהארן, דער עוף האט נישט קיין טעם וריח און נישט קיין שמאלץ און די עופות וואס אונזערע רבי'ס האבן געגעסן זענען געווען פעטע עופות ווי ס'שטייט אין יעב"ץ און נאך מקומות מפני מה עופות שבבבל שמנים שמפני שלא היו באותה קללה, עכ"פ דאס איז א געפערליכע זאך חרוב צו מאכן אונזער מסורת........

מיט דעם איז פארענטפערט פארוואס ביי קדושת "כתר" וואס מען איז מקדש דעם אייבישטענס נאמען ביי מוספין , זאגט מען קודם מלאכים המוני מעלה נאכדעם עם עמך ישראל, הלא אידען האבען דאך א בחירה און צוברעכען זייער יצר הרע און די מלאכים האבען דאך נישט קיין בחירה. קומט דאך די יודען פריער (כן הקשו הראשונים ז"ל) ועוד די הייליגע גמרא זאגט אין שחיטת חולין (מסכת חולין) אז אין מלאכי השרת אומרים שירה למעלה עד שישראל אומרים למטה שנאמר ויריעו כל בני וגו' נו פארוואס שטייט קודם מלאכים

נאר דער תירוץ איז אז מלאכים מיינט מען די פריערדיגע צדיקים וואס זיי זענען דא געווען אויף די וועלט און אויך געהאט א בחירה קודם זענען זיי נאכדעם קומען די היינטיגע יודען קבוצי מטה . די זעלבע בחינה אז מען האלט זיי פאר מלאכים המוני מעלה זעמיר אונז ישראל קבוצי מטה אז ח"ו מען וויל זיי איבערקלוגען דעמאלס ח"ו קען מען אפשר נישט זאגען שירה און כתר פארן מלך חי וקים .

[ואח"כ האריך לבאר כוונת הפייטן ושקל אשא וכו']

דער אייבערשטער זאל העלפן משנכנס אדר מיט אלע ישועות בזכות אבותינו ורבותינו הקדושים זי"ע אזוי ווי ס'שטייט אין שיר השירים אם לא תדעי לך היפה בנשים צאי לך בעקבי הצאן אין די טריט פון אבותינו ורבותינו הק' וואס האבן זיך מוסר נפש געווען על כל קוץ וקוץ פון די תוה"ק און זייער זכות זאל אונז ביישטיין להפקד בדבר ישועה ורחמים משמי שמי קדם און מ'זאל געהאלפן ווערן בתשועת עולמים און מ'זאל זוכה זיין צו עסן פונעם לויתן, און זיך פירן אזוי ווי אונזערע עלטערן, וואס האבן נישט געגעסן קיין טריפות און עופות טמאים ה' ישמרנו, און מ'זאל זוכה זיין צו ביאת בן דוד במהרה דידן בקרוב ממש ובהתגלות כבוד שמים עלינו בב"א.